# תורת אביגדור

## באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**ספר ויקרא**

**נתנדב לרפואת יהודה ארי' לייב בן עליזא**

בתוך שאר חולי ישראל

# פרשת נשא

# דער היינטיגער נזיר

**פרנס השבוע**

ע"י הרוצה בעילום שמו
**להצלחה בכל עניינים**

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ **רחל בת אסתר גיטל** ע"ה
נתנדב ע"י משפ' החשובים


צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org




## ר' שרגא ע"ה האט עס באוויזען,
# איר קענט אויך!

קבעתי וועט אייך העלפן האלטען אייער טעגליכע קביעת עיתים.

שרייבט אייך איין היינט, און באקומט א טעגליכע דערמאנונג, און א חודש'ליכע סך הכל שעות וואס איר האט געלערנט!

Visit **www.kavati.org** today



לע"נ ר' **שרגא** אליהו **געשטעטנער** ז"ל
ב"ר חיים אליעזר דוד הי"ו

קבעתי
TORAH LEARNING GOES MAINSTREAM


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת נשא
שנה ג׳

# דער הייניטיגער נזיר

## תוכן:

חלק א. דער פלא׳דיגער נזיר – חלק ב׳. דער אנגעלייגטער מח – חלק ג׳. דער טאג פאר א ריינעם מח

## חלק א. דער אויסגערופענער נזיר

### דער פלא׳דיגער נזיר

**אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַפְלִא לִנְדֹּר נֶדֶר נָזִיר לְהַזִּיר לַה׳** - ווען א מאן אדער א פרוי וועט נעמען אויף זיך א נדר צו זיין א נזיר, זיך אפצושיידן פאר׳ן אויבערשטן (במדבר ו,ב). דאס איז דער פסוק וויאזוי די פרשה פון נזיר ווערט פארגעשטעלט אין די וואכעדיגע סדרה.

דאס ווארט **יַפְלִא** איז נישט קיין שכיח׳דיגער לשון אין דער תורה, און כאטש עס ווערט געווענליך איבערגעטייטש ״קלאר ארויסצוזאגן״ א נדר (נזיר לה, א), אבער ווען מיר קוקן אריין אין אבן עזרא, זעען מיר אז ער האט פארשטאנען אז דאס איז א צווייטראנגיגע טייטש, און די אריגינעלע איבערטייטש איז לכאורה עפעס אנדערש. דער אבן עזרא זאגט אונז אז דאס ווארט **יַפְלִא** שטאמט פון **פֶּלֶא** וואס מיינט עפעס אויסערגעווענליך, עפעס זייער געוואלדיג. ווען מיר יעצט טייטשן דעם פסוק לויט׳ן פירוש פונעם אבן עזרא: ״ווען א מאן אדער א פרוי וועט טון עפעס אויסערגעווענליך און נעמען אויף זיך א נדר צו ווערן א נזיר פאר׳ן אויבערשטן (שם ב-ג).

### וואס איז אזוי אויסערגעווענליך?

יעצט, דארפן מיר נעמען א מינוט און אריינקלערן אין דעם, ווייל טאמער וועט איינער אונז פרעגן, ״מיר זעען נישט עפעס ספעציעל אין דער פרשה וואס מאכט דעם נזיר אזוי אויסערגעווענליך? אלעס וואס מיר ווייסן וועגן אים איז אז ער דארף זיין געווארנט פון קומען אין בארירונג מיט אלע סארטן טומאות וואס וועט אים גורם זיין צו פארשוועכן זיין נזירות. דאס מיינט אז ער קען נישט גיין וואו ער וויל; ער טאר אויך נישט טרינקען קיין וויין אדער עסן טרויבן, און נאך עטליכע איסורים וואס ער דארף זיין געווארנט, אבער נישט עפעס א ספעציעלע עבודה וואס ער דארף טון פאר׳ן אויבערשטן; די תורה נעמט זיך נישט אויס נאך תנאים וואס דער נזיר זאל טון. אויב אזוי ווערט אונז שווער די קשי׳, וואס איז אזוי אויסערגעווענליך מיט דעם נזיר?

די ערשטע זאך וואס מיר דארפן פארשטיין איז אז נאר דער עצם זאך פון זיך אפהאלטן פון

וואס מען מעג טון, איז שוין א פלא. מיר זענען צוגעוואוינט נאכצוגיין אונזערע גלוסטעניש און אינסטינקטן און אז איינער נעמט אויף זיך א עפעס וואס איז א סתירה צו זיינע תאוות און ער שיידט זיך אפ פון זאכן וואס ער וויל טון און ער מעג עס טון, איז דאס עפעס אויסערגעווענליך אז די תורה באטראכט עס ווי א פלא׳דיגע ערשיינונג.

ספעציעל אין יענע צייטן ווען ווייַן איז געווען א חלק פונעם טעגליכע מעניו. אלע פלעגן טרינקען ווייַן ביי די מאלצייטן; עס האט זיך געגאסן ווייַן ווי וואסער. איז ווען איינער האט געהאט געַנוג א שטארקע הארץ צו קענען שווימען קעגן דעם שטראם און נעמען אויף זיך צו זאגן, "ניין!", זיך אויפבויען זיינע "נישט מוסקלען", איז ער ווערד צו הערן דעם באשעפער׳ס לויב אויף אים. **אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַפְלִא** - א מאן אדער פרוי וואס טוט עפעס אויסערגעווענליך..." דו ביסט נישט בלויז **יַפְלִא**, איינער וואס מאכט א נדה, נאר דו ביסט איינער וואס טוט עפעס גאר ספעציעל.

## שטיין ווייט פון זינד

ווען מען קוקט אריין אין די ספרים הק׳ וועלכע רעדן ארום וועגן פרישות, וועט מען באמערקן אז געווענליך וועלן זיי אונז מחזק זיין צו ארבעטן אויף זיך אנצוקומען צו א מדריגה פון זעלבסט קאנטראל, כדי מיר זאלן קענען שטיין ווייט פון זאכן וואס זענען אסור. דו דארפסט זיך טרענירן צו שטיין ווייט פון נסיונות, אויך פון זאכן וואס מען מעג, ווייל אזוי וועסטו זיין באשיצט פון דורכפאלן מיט זאכן וואס זענען אסור.

למשל, ווען א מענטש האט א געוואוינהייט זיך נאכצוגעבן די תאוה פון עסן. וואס אימער עס ליגט אים ביי דער האנט ווען ער עפנט דעם פרידזשידער דאס מוז ער פארזוכן. ער ווערט א קנעכט צו די מאכלים וואס ער זעט פאר זיינע אויגן, ווייל ער האט קיינמאל נישט אנטוויקלט קיין זעלבסט קאנטראל. אויב ער וועט זיך אנטרעפן מיט א מאכל מיט א מפוקפק׳דיגן הכשר, קען זיין אז זיין תאוה צו טועם זיין וועט איבערשטייגן זיינע מחשבות און ער וועט זיך טרעפן א היתר דאס צו עסן.

ווען די רעביצין פון דער אלטער פון סלאבאטקער פלעגט אים סערווירן א זיסע נאכשפייז פלעגט ער פארזוכן דערפון, איר קאמפלימענטירן ווי גוט דאס איז און פאר׳ן ענדיגן עסן פלעגט ער עס אוועקרוקן אין א זייט. ער פלעגט קיינמאל נישט פארזוכן דעליקאטעסן; ער פלעגט שטענדיג זאגן, "עסן דעליקאטעסן מיינט זיך נאכגעבן די תאוות, ווייל מען קען באקומען די זעלבע בענעפיטן אן די איבריגע טעמים."

## רגילות׳דיגע רעדן און ליינען

דאס זעלבע איז שייך ווען ס׳קומט צום רעדן. אויב א מענטש האט זיך נישט איינגעוואוינט צו האלטן דאס מויל פארמאכט, וועט ער זיך קיינמאל נישט קענען איינהאלטן ווען ער וועט שטיין קעגן א נסיון פון דברים אסורים. פיל האבן א געוואוינהייט צו רעדן אין טעלעפאן; זיי זיצן ביים טעלעפאן און פלאפלען. זיי רעדן און רעדן און רעדן... און אפשר וועסטו זאגן אז ס׳איז גארנישט שלעכט דערמיט, אבער ס׳איז נישטא קיין פרישות; ס׳איז נישטא קיין שום זעלבסט קאנטראל. און אויב דו האסט נישט קיין זעלבסט קאנטראל, ווער ווייסט וואס מ׳קען אלץ צוזאמרעדן איינער צום אנדערן. ווער ווייסט וויפיל שלעכטס מען האט ארויסגערעדט פון מויל?! דעריבער, אויב דו קענסט זיך צוגעוואוינען צו זיין א פרוש ביים רעדן, אפילו ווען ס׳איז ערלויבט, קענסטו זיך

פאררעכענען אלס א פלא'דיגער מענטש. דו ביסט שוין א חידוש.

א פרוש, ווען ס'קומט צום ליינען איז ער א חידוש! געוויס איז ליינען איינס פון די בעסטע זאכן צו טון אויב ס'ווערט געמאכט ריכטיג, אבער ווען א מענטש האט א גלוסטעניש צו ליינען, ליינט ער אלעס. א מענטש זיצט אין ווארטזאל ביים דאקטאר'ס אפיס און ביים קליינעם טישל אין די זייט איז דא א בארג מיט צייטונגען וואס זענען ערגער ווי פערדן שמוץ... אבער ער הייבט עס אויף און ער ליינט עס סיי ווי, ווייל ער איז נישט צוגעוואוינט צו זאגן, 'ניין', צו זיך, און ווען ער ווערט געשטעלט פאר א נסיון, איז ער אינגאנצן פארלוירן. ער איז צו שוואך זיך אליין אפצוזאגן.

## דער נזיר האלט זיך צוריק

דערפאר לוינט צו פראקטיצירן זעלבסט קאנטראל אין יעדער זאך, כדי דיין מח זאל זיין אין קאנטראל אויף דיין קערפער, און ווען ס'קומט צו א תורה'דיגער שאלה אדער עבודת השם, וועסטו זיך נישט אונטערגעבן דיין קערפער, ווייל דיין מח איז אין קאנטראל.

אין א געוויסן מאס איז דאס געווען דאס לעבן פון א נזיר. ער איז געווען א פרוש. דאס ווארט **נָזִיר** קומט פון **נֵזֶר**, צעטיילן, ווייל דאס איז געווען דער וויכטיגסטער פרט פון זיין נזירות. ער האט זיך צוריקגעהאלטן פון איבריגע זאכן.

פארשטייט זיך אז ער האט געלעבט א נארמאל לעבן. ער האט געארבעט; ער האט געהאט חברים. און רוב פעלער איז ער געווען חתונה געהאט. אין יענע צייטן איז יעדער געווען חתונה געהאט. אבער אין א געוויסן זין האט ער געלעבט א לעבן פון פרישות. ער האט נישט געקענט טרינקען וויין, דעריבער האט ער נישט געקענט גיין צו מסיבות, צו באנקעטן. אפילו געהעריגע סעודות האט ער צומאל געדארפט אפזאגן. ער האט נישט געקענט גיין צו לויות אדער בתי חיים. ער האט נישט געקענט אריינגיין אין א בנין אין וועלכן עס געפינט זיך א מת. אזוי איז אויסגעקומען אז דער נזיר איז געווען באגרעניצט מיט זיין קשר מיט דער וועלט. ער האט נישט געקענט זיין צו שטארק געזעלשאפטליך. ער האט זיך נישט געקענט צופיל פארשטיין מיט מענטשן. וואו אימער ער איז געגאנגען איז ער געווען דער קוריאזער פארשוין. ער איז געווען א דרויסנדיגער. ער איז געבליבן מיט זיך אליין.

דער נזיר האט געלעבט א לעבן וואס די ספרים לערנען אונז איז די געוואלדיגע מדה פון **פרישות**, זיך אפצוהאלטן כדי **להתרחק מן העבירה** - זיך צו דערווייטערן פון אן עבירה. ווי מער א מענטש ערלויבט זיך הנאה צו האבן פון א געוויסער זאך, אלץ מער ווערט ער פארקנעכטעט צו דער זאך און ער לייגט זיך אריין אין א גרעסערער סכנה. דערפאר איז ראטזאם צו ארבעטן אויף דער מידה פון פרישות. דו ווערסט א מענטש מיט זעלבסט קאנטראל, און דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס מיר פאררעכענען א נזיר אלס אן אויסערגעווענליכער מענטש.

## פארשידענע פרישות

בכל אופן, ווען מיר לערנען דעם ענין אביסל טיפער, וועלן מיר טרעפן נאך א סיבה פארוואס דער נזיר האט זיך אפגעשיידט פון דער גשמיות'דיגער וועלט. ס'קען זיין אז דאס וואס מיר וועלן דא זאגן וועט זיין א נייעס פאר געוויסע פון אייך, אבער למעשה איז עס אויסדריקליך נאר פאר דער איין נקודה וואס דער תורה רעכנט אים אלס א פלא.

ווען דער חובת הלבבות רעדט פון די מדה פון פרישות גייט ער צו דערצו מיט אן אנדער אופן ווי וואס מיר האבן פריער גערעדט. נישט אז ער איז קעגן די אלע ספרים. אלעס וואס מיר האבן גערעדט ביז אהער איז תורה וואס איז אנגענומען ביי אלע וואס ווייסן וואס תורה איז, אבער דער חובת הלבבות מאכט אונז באקאנט מיט עפעס אנדערש. פרישות, ברענגט דער חובת הלבבות, מיינט זיך צוריקהאלטן פון זאכן וואס פילן אָן דיין מח מיט דרויסענדיגע מחשבות.

## דאס טייערע פלאץ

דער חובת הלבבות איז מסביר אז א מענטש קומט אויף דער וועלט כדי אנצופילן זיין מח מיט דעם אויבערשטן. דאס איז דער וויכטיגסטער תפקיד אויף דער וועלט. און ווי מער דו מאכסט פלאץ פאר'ן אויבערשטן אין דיין מח, אלץ מער א צדיק קענסטו ווערן, ווייל די גרויסקייט פון א מענטש ווערט געמאסטן דורך וויפיל פון זיין מח פארנעמט זיך מיט געדאנקען פון השי"ת.

ס'איז א געוואלדיגער דרך און ס'ווערט געטייטשט אין משלי ווי פאלגנד: **וּבְדַעַת חֲדָרִים יִמָּלְאוּ כָּל הוֹן יָקָר וְנָעִים.** - מיט וויסנשאפט קענען די קאמערן פון דיין מח ווערן אנגעפולט מיט אלע טייערע און געשמאקע פארמעגנס (משלי כד, ד).

דאס מיינט אז דיין מח איז דער טייערסטער פארמעגן וואס דו פארמאגסט. ס'איז טייערער ווי דאס רייכסטע הויז וואס דו וועסט אמאל געפינען. דעריבער, יעדעס ביסל פלאץ דערפון מוז זיין פריי פאר וויכטיגע זאכן. אויב דו דינגסט א פלאץ פאר צען טויזנט דאלער א וואך, קענסטו נישט אויפנעמען דאס פלאץ מיט מינדערוויכטיגע זאכן. ס'איז פשוט א שאד פאר די געלט. אזוי איז מיט אונזער 'טייערע' מח. ס'מוז ווערן אויסגערייניגט און פריי פון סיי וועלכן אומוויכטיגן מעבלשטיק כדי צו קענען פלאצירן דארט טייערע אוצרות.

## טייערע מעבל

וועלכע אוצרות? ס'איז נישטא קיין שיעור וויפיל טייערע מעבל אן ערליכער איד מוז אריינריקן אין זיין קאפ! דאס ערשטע מעבלשטיק דארף זיין א קלאר בילד פון בריאת העולם. אין דיין קאפ מוזסטו האבן דאס בילד פון וועלטבאשאף. א ערליך בילד וואס ברענגט ארויס דער אנהייב פון דער תורה, וואו אלעס איז ארויסגעקומען **יש מאין**, פון גארנישט. ס'איז א שאד אז מענטשן כאפן דאס נישט. אפילו ווען מ'לערנט פרשת במדבר אדער דברים, דארפסטו האבן דאס בילד אין קאפ, ווייל די גאנצע תורה איז געוואנדן אין די ערשטע פסוקים וואס דערציילן איבער בריאת העולם.

אבער דאס איז נאר איינס פון די פולע מעבלשטיק. דו דארפסט אריינגעמען א בילד פון יציאת מצרים. **לְמַעַן תִּזְכֹּר** - כדי דו זאלסט געדענקען, **אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם** - דעם טאג וואס דו ביסט ארויס פון מצרים, **כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ** - אלע דיינע לעבנסטעג (דברים טז, ג). געוויס פארשטייט איך מענטשן וואס שאקלען זייערע ליפן און זענען צופרידן צו טון זייער התחייבות פון זאגן די ווערטער צופרי און ביינאכט און דאס אלעס. אבער אויב איינער האט א חלום זיך צו בויען א פאלאץ פול מיט הערליכע זאכן, וועט ער פרובירן וויפיל ער קען אריינצוקריצן די ווערטער ביי אים אין מח אלס א פערמענאנטע מייסטערווערק. ער איז שטענדיג באוואוסטזיניג פון יציאת מצרים.

מתן תורה איז נאך א ווערדפולע מעבלשטיק. דער רמב"ם זאגט אז מתן תורה זאל זיין דער וויכטיגסטער ענין ביי דיר אין געדאנק. **גדולה על כל גדולה** - מאך עס גרעסער פון סיי וועלכער אנדערער גרויסקייט. נישט נאר שבועות, נאר אין א גרינעם דינסטאג זאלסטו אויך האלטן פאר דיר דאס בילד ווי אזוי דער אויבערשטנ'ס קול האט געדונערטביים בארג סיני.

## רייניגן דאס פלאץ

און דערפאר וואס עס זענען פארהאן אזויפיל בילדער, אזויפיל געדאנקען און השקפות וואס מיר דארפן אלץ איינקריצן אין אונזער מח, איז זייער וויכטיג אויפצורוימען די אנגעלייגטע זאכן אין אונזער קאפ. אויב דו ליידיגסט נישט אפ דיין צימער צו קענען אריינברענגען טייערע מעבל, איז נישטא קיין איבעריגע פלאץ, נישטא קיין פלאץ אריינצומופן געדאנקען וואס זענען די עכטע טייערע אוצרות.

שטעל דיך פאר אז אויפ'ן וועג ארויס פון דא היינט ביינאכט ווילסטו שוין אנהייבן דאס צו פראקטיצירן. דו ווילסט זיין פון די העכערע לייט, און ווען דו טרעטסט אריבער דעם שוועל פון דא ביסטו מחליט, "פון דא ביז די עק גאס, די איין מינוט וועל איך אויסנוצן זיך פארצושטעלן דאס בילד פון בריאת העולם..." געוויס איז איין מינוט מחשבה נישט די טייערסטע מעבלשטיק, אבער ס'איז א גוטער אנהייב.

אבער וואס קומט למעשה פאר במציאות? ווי נאר דו טרעטסט איבער דעם שוועל טראכטסו שוין וואס עס ווארט דיר אפ אויף נאכטמאל היינט נאכט. אדער טראכסטו פון אזויפיל מינדערוויכטיגע זאכן, אפשר פון א וויכוח וואס דו האסט געהאט מיט איינעם. און אט די ביליגע מעבלשטיק פילן אן דיין קאפ אז דו האסט שוין נישט קיין פלאץ פאר די הערליכע מעבלשטיק אנצופילן דיינע מחשבות. ס'איז דאס "געזעץ פון פיזיקס" אז צוויי זאכן קענען נישט זיין אויף איין פלאץ אין דער זעלבער צייט.

## דער חידוש פונעם נזיר

אלזא, זאגט דער חובות הלבבות אז דער וויכטיגסטער פרט פון פרישות, זיך צוריקהאלטן פון איבריגע זאכן איז דער תפקיד פון אויסרייניגן דעם מח פון זאכן וואס זענען נישט וויכטיג. ווייל אויב דיין גאנצע קאפ איז נאר פארנומען מיט פארברענגען אדער אנדערע אינטערעסן, אויב דו האסט זיך נישט איינגעוואוינט זיך אפצוהאלטן פון ערלויבטע זאכן אויף דער וועלט, דאן איז זיכער אז דו וועסט זיך נישט קענען קאנצענטרירן אויף גרויסע השקפות אין לעבן.

אלזא, וועלן מיר זיך צוריקקערן צו דעם **אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַפְלִא**, צו דעם מאן אדער פרוי וואס טוען עפעס אויסערגעווענליך. דער נזיר וואס נעמט אויף זיך זיך איינצוהאלטן נישט בלויז צו האבן זעלבסט קאנטראל און זיך צוריקהאלטן פון טון עבירות - דאס איז זייער וויכטיג אבער ס'איז נישט אלעס - די גרויסקייט פון דעם נזיר איז אז ער הייבט אן אויסצוקלארן זיין מח פון אלע איבריגע מעבל וועלכע פילן אן זיין קאפ, און מאכן עס צו שטארק איבערגעפולט צו קענען צוקומען צו שלימות. אז ער האלט זיך צוריק פון מערערע זאכן, קען ער טון עפעס אויסערגעווענליך. ער איז נישט נאר א נזיר, נאר א 'נזיר לשם', זיין מח איז אפגעשיידט נאר פאר השי"ת. ער מאכט זיין מח פריי צו טראכטן פון דער וויכטיגסטער זאך אין לעבן, הקדוש ברוך הוא.

# חלק ב׳. דער אנגעלייגטער מח

## דריי פראבלעמען

דער מסילת ישרים, ווען ער וויל אויסשמעוסן די שוועריקייטן פון דער וועלט וואס פירן דעם מענטש אראפ פון די שינעס, ווייט פונעם וועג צום שלימות, זאגט ער אז עס זענען פאראן דריי הויפט פראבלעמען וואס מיר דארפן זיך ספראווען דערמיט.

איינס איז **חברה רע**, שלעכטע חברותא. דו דארפסט זיין וואכזאם מיט וועמען דו האסט שייכות. אויב דו ביסט אויפגעוואקסן אין א נישט ריכטיגע סביבה, איז א רחמנות אויף דיר. אויב דו האסט חתונה צו דער נישט ריכטיגער פערזאן, וועט די השפעה דיר צעברעכן. אויב דו זיצט אין ביהמ״ד נעבן דעם נישט ריכטיגן שכן וועט ער דיר קאליע מאכן. אין ישיבה, אויב דו זיצט נעבן דעם חברותא וואס וויל אז דו זאלסט פארשווענדן דיין לעבן דורך פלוידערן, געב אכטונג. א סביבה איז זייער וויכטיג! ס׳איז איינע פון די דריי זאכן וואס שאפן דיר פראבלעמען אין לעבן. מיט וועמען האסטו שייכות? דאס איז זייער, זייער, זייער א וויכטיגע שאלה!

נאך א פראבלעם אין לעבן איז **השחוק והלצון**, צו זיין א לץ, נישט אננעמען זאכן ערנסט. דו שפילסט זיך ארום שטיפעריש, דו רעדסט צופיל, אדער אזוי ווי די נארנים וואס גייען ארום מיט די מוזיק מאשינען א גאנצן טאג צו הערן מוזיק א גאנצן טאג, מענטשן וואס לויפן ארום צו זען וואו מען קען אלץ מאכן א לעבן.

אין אמעריקע האבן זיי געגעבן א שיינעם נאמען דערפאר, ״The pursuit of happiness״ (דאס געיעג צום גליק), זוכן שמחה, כדי צו געבן א הכשר דערויף, אבער דער אמת איז ס׳איז דאס נאכיאגן **השחוק והלצון**. אמעריקע איז **שחוק ולצנות**. דערפאר קענסטו אראפגיין די גאס און באמערקן ווי יעדער לאכט אין דער זעלבער צייט. די גאנצע גאס! אלע נארנים קוקן די זעלבע טעלעוויזיע שפילן און פלאצן צוזאמען אויס אין א הילכיגן געלעכטער. א גאנצע גאס פון נארנים הערן די זעלבע וויצן אין דער זעלבער צייט. **השחוק והלצון**, לאכן און שפאסן! איבערהויפט זענען מיר געשלאגן מיט דעם אין אמעריקע. יעדער לאכט שטענדיג. און זיי לאכן אוועק זייער לעבן מיט גארנישט.

## די דריטע פראבלעם

יעצט ברענגט דער מסילת ישרים אז ווי שווער די ערשטע צוויי פראבלעמען זענען, איז די דריטע שווערער פון אלע. דו ווייסט וואס דאס איז? **הטפול והטרדה** - צו זיין פארנומען (ביזי). מען איז צו שטארק פארנומען צו קענען טראכטן. דאס איז די גרעסטע פראבלעם אין לעבן. פארוואס איז דאס די גרעסטע פראבלעם? וואס מאכט דאס די גרעסטע סכנה פון נישט קענען צוקומען צום תכלית?

דער ענטפער איז אז די פראבלעם מיטן זיין פארנומען איז נישט אז דו האלטסט זיך פארנומען נאר ס׳האלט דיין קאפ פארנומען, און א פארנומענער מח וואס איז פארנומען מיט עולם הזה וועט קיינמאל נישט צוקומען צו מדריגות. דאס לעבן דארף זיין א ציל פון זיך מתבונן זיין און פארשטיין.

א מענטש דארף זיין פריי פון **טפול והטרדה** אויב ער וויל צו עפעס צוקומען און פלאנט צו מאכן א לייט פון זיך.

דעריבער, ווען מיר רעדן פון אויסקלארן דעם מח פון זאכן וואס פארנעמען אונזער לעבן, רעדן מיר נישט פון ווערן א לײדיג גײער, אײנער וואס האלט נישט ביים ארבעטן, א מענטש וואס וואוינט אין קעלער און לעבט אויף רעגירונגס פראגראמען. ניין, איך רעדט נישט פון די שלעפערס. א מענטש וואס ארבעט נישט, א לײדיג גײער, דער מאן, זאלסטו וויסן איז נישט לײדיג. ער איז פול. זיין קאפ איז מער אנגעפילט ווי סיי ווער. ער איז פארנומען מיט כעס, מיט תאוות. זיין מח איז אנגעפילט מיט אלע מיני זאכן וואס ער זאל נישט האבן דארט.

זעסטו נישט דעם לײדיג גײער אראפגײן די גאס באגלייט מיט דער מוזיק מאשין וואס שפילט אויפ׳ן העכסטן וואליום, אדער די וואס פארן אין די קארס? א גאנצן טאג הערן זיי גארנישט נאר לײדיגע מוזיק, ווייל זייער קאפ איז לײדיג פון ווערדפולע אינטערעסן אין לעבן, און דעריבער איז עס פול מיט גארביטש. זיי הערן א גאנצן טאג מוזיק וואס קומט פון דער ראדיא, פון שמוציגע מענטשן, נידריגע עלעמענטן אן קיין פרינציפן וואס זינגען שמוץ און שטותים א גאנצן טאג. איז דאס לעבן? איז דאס די מעבל וואס באלאנגט דארט? נארישע שטותים נעמט אויף זיין קאפ א גאנצע טאג.

## ׳דאס׳ און ׳יענץ׳ נעמען אויף צייט

אבער מיר רעדן נישט פון די לײדיג גײערס מיר רעדן דא פון די גוטע צווישן אונז, די ערליכע אינגעלייט און פרויען, די ישיבה בחורים, די פרומע מיידלעך. עס גייט אונז נישט אן פון אנדערע, מיר זענען אינטערעסירט אין אונז אליין, און אונזער גרעסטער אינטערעס איז אז מיר דארפן זיין בעלי מחשבה. דו דארפסט צייט; דו דארפסט פלאץ אין דיין קאפ צו טראכטן.

איינע פון די וויכטיגסטע זאכן איז צו זיין א בעל מחשבה, אבער ווען דו האסט נישט קיין פלאץ אין קאפ ווערט דיין לעבן פארשווענדעט. לאמיר זאגן אז דו ארבעטסט פון ניין ביז פינף. דערנאך יאגסטו זיך אהיים עסן. אויפ׳ן וועג לויפן דיינע מחשבות איבער דאס און יענץ, ווערדלאזע זאכן. און נאכדעם עסטו, און ווען דו ענדיגסט, ווערסטו שוין פארנומען מיט אנדערע באשעפטיגונג. דו דארפסט זיך פאַרען מיט דיין קאר, אדער אפשר דארפסטו ארײנקוקן אין א קאטאלאג. דו דארפסט א נייעם זייגער אדער א בעסערן עלעקטרישן דרילער. ס׳זענען פאראן אזויפיל וויכטיגע זאכן פון וואס צו טראכטן. דערנאך איז שוין צייט צו גיין שלאפן. און מזל טוב! נאך א טאג איז פארשוועגדעט געווארן... ווען האסטו געהאט א געלעגענהייט זיך אפצושטעלן און טראכטן פון וואס איז עכט וויכטיג?!

## דאווענען צו דעם סידור

איך בין זיכער אז דו באשעפטיגסט זיך אויך מיט דאווענען יעדן טאג, אבער וואס איז דער ציל פון דאווענען? דו דארפסט וויסן וואס דו דאווענסט. יעדער איז אזוי פארנומען צו דאווענען אז מען האט נישט קיין צייט זיך צו דערמאנען פאר וועמען מען דאווענט, פארן אויבערשטן.

איך דערצייל שטענדיג די מעשה ווי אזוי רבי לוי יצחק בארדיטשוב׳ער האט אמאל געשיקט זיין שמש זאל צוגיין צו דער בימה און אויסקלאפן. דער שמש האט שטיל געמאכט דעם עולם. יעדער האט אויפגעהערט צו דאווענען, נייגעריג צו הערן וואס ער האט צו זאגן.

״דער רבי וויל אז יעדער זאל וויסן אז ס׳איז דא א באשעפער אויף דער וועלט! האט דער שמש

אויסגערופן אין נאמען פון רבי'ן און ער איז אראפ פון דער בימה. דאס איז געווען דער מעלדונג.

לאך נישט! ס'איז זייער א וויכטיגע מודעה אויסצורופן אין אלע שולן. אינמיטן דאווענען דארף מען אויסרופן אז מען זאל געדענקן אז מען דאווענט פאר השי"ת. ווייל מיר זענען צו שטארק פארנומען צו דאווענען אז מען זאל דאס געדענקן. מענטשן דאווענען און טראכטן נישט וואס זיי זאגן. זיי וואלטן נישט גע'חלומ'ט וואס דאס באדייט.

## באזינגען די זון שטראלן

איך וועל דיר ברענגען א באוויז. האסטו היינט געדאנקט דעם באשעפער פאר די זון שטראלן? זון שטראלן?! דו האסט שוין פארגעסן וואס דאס איז. זון שטראלן?! וואס רעדט ער דא בכלל?

כ'וועל דיר ערקלערן. דער גרעסטע ברכה אין דער סידור איז איבער זון שטראלן! 'יוצר אור' נאך 'ברכו' ביז 'יוצר המאורות'. די לענגסטע ברכה איז איבער זון שטראלן? ס'קריכט ניטאמאל אריין אין זיין קאפ. דאס איז א באוויז אז זיי ווייסן נישט וואס זיי רעדן. דו האסט נישט קיין געלעגענהייט צו טראכטן. דו ביסט צופיל פארנומען זיך צו שאקלעןביים דאווענען אז דו שטעלסט זיך נישט אפ פאר א מינוט צו טראכטן וואס דו זאגסט.

## שעדליכע פאַרפאָרעניש

ווען מען גייט ארויס פון שול איז יעדער פאַרפאָרן. ס'איז מערקווירדיג ווי אזוי מענטשנ'ס געדאנקען זענען אוועקגעקערט פונעם עיקר תכלית אויף דער וועלט. אויב דו וועסט רעדן צו הונדערטער מענטשן ווי איך טוה וועסטו באמערקן ווי זייערע דאגות און זארגן פירן זיי אוועק פון די רעלסן. אין רוב פעלער איז עס נישט אזא וויכטיגער ענין אבער ס'איז געשיקט געווארן דורכ'ן אויבערשטן אים אויסצופרובירן.

דא איז די שאסיי. דאס איז דער הויפטוועג. ביי די זייטן פון דער שאסיי זענען פארהאן אלע מיני באשעפטיגונג דיר אראפצופירן פון דער שאסיי פון לעבן. ווער נאר ביזי מיט דאס און יענץ... זיי פארנומען מיט שידוכים. ווער אריינגעשלעפט אין ביזנעס. ווער פארנומען מיט נסיעות; זיי פארנומען מיט דיין קאר, מיט שאפינג, מיט דאגות. ווער אריינגעשלעפט אין קריגערייען צווישן מענטשן. ווער פארכאפט אין דראגס, חלילה. אלע מיני אקטיוויטעטן שטייען ביי דער זייט פון שאסיי פון לעבן אז דו זאלסט זיך אפשטעלן און פארקירעווען דיין וועג פונעם הויפט שאסיי.

דא קענסטו כאפן מציאות. דארט קענסטו מאכן א לעבן. עפעס איינער א דריטער קאזין האט דיר געשיקט אן איינלאדענונג צו זיין חתונה. ס'איז אן אומוועג פון מיילן מיילן ווייט, ביז לאס אנדשעלעס. דארפסטו טאקע גיין? בכלל נישט. ער וועט אפילו נישט וויסן אויב דו ביסט יא אדער נישט געווען. ווער נישט פארשלעפט צום זייטיגן וועג.

## האלט דיינע אויגן קאנצענטרירט אויפ'ן שאסיי

דער חכם ווייסט אז ער מוז מאכן זיין וועג גראד צו זיין דעסטינאציע. ער האלט צו דאס רעדל פעסט און האלט זיין קאפ קאנצענטרירט אויף זיינע פליכטן. ער האלט א וואכזאם אויג אויף דער שאסיי. ער איגנארירט אלע רעש'ן פון די זייטן. ווייל אויב דיר אינטערעסירט דער פאסטמארק קאלעקציע, אויב דו ביסט אריינגעטון אין קלייבן מטבעות, אדער ארומרייזן, דעמאלטס איז דיין

קאפ איינגעטיילט אין פארשידענע אנדערע אינטערעסן און דאס מיינט אז די הויפט צילן אין לעבן ווערן פארנאכלעסיגט.

די קענסט די מענטשן וואס נעמען קורסעס אין מוזיק. זיי לערנען זיך צו פארשטיין צו מוזיק. פריער האט זיי דאס נישט צופיל אינטערעסירט, אבער יעצט האבן זיי זיך געלערנט צו פארשטיין דערצו. זיי לערנען זיך צו פארשטיין אין זאכן וואס זיי דארפן נישט האבן. דו קענסט זייער פיין זיך דורכקומען אין לעבן אן דעם. אפגעזען פון דעם וואס מען לערנט מוזיק איבעראל, זאג איך דיר אז ס'איז א שאד. זיי לערנען אסאך זאכן אין די סקולס, אבער דאס מיינט נישט אז מיר ברויכן זיי האבן. ס'איז נאר נאך א זאך צו פארשטאפן אונזער קאפ.

### זיך מתגבר זיין איבער דער איבערקערעניש

דער לימוד איז זייער קלאר, ווער נישט טעטיג; מיט גוטע זאכן, יא. ווער פארנומען מיט יעדער גוטער אקטיוויטעט, און האלט דיין קאפ אפגעטיילט פון איבריגע זאכן. לאז אויס אלע מינדערוויכטיגע פרטים, דאס מערסטע וואס איז שייך. ווער נישט ביזי. שטיי ווייט פון איבריגע אינטערעסן, פון זייטיגע זאכן וואס וועלן איבערפילן דיין קאפ מיט אומוויכטיגע געדאנקען.

דעריבער, **הטפול והטרדה**, זיין פארנומען צו טראכטן איז דער גרעסטער שוועריקייט בייצוקומען, און דאס - איז דער חובת הלבבות מסביר - איז די בעסטע אפטייטש פון פרישות. דו מאכסט פלאץ אין דיין קאפ פאר וויכטיגע זאכן. דו מאכסט פלאץ פאר השי"ת.

דאס איז וואס דער נזיר האט געטון וואס האט אים בארימט געמאכט. ער האט געמאכט עבודות בייצוקומען די עיקר פראבלעם פון דער מענטשהייט, ער האט געמאכט פלאץ אין זיין קאפ צו קענען ווערן ספעציעל.

# חלק ג'. דער טאג פאר א ריינעם מח

### דער נזיר היינטיגע צייטן

יעצט איז די שאלה, וואס קענען מיר טון היינט צוטאגס? מיר קענען נישט ווערן א נזיר. פרוביר נישט ווייל דו וועסט בלייבן שטעקן. דו קענסט נישט ברענגען היינט א קרבן נזיר, וועסטו בלייבן שטעקן אויף אייביג. איז וואס קען מען יא טון? וואס איז אונזער עבודה צו קענען ווערן א **פלא**, חשוב ווי דער נזיר דורך אפרייניגן דעם מח צו מאכן פלאץ פאר העכערע השגות?

אלזא, וועלן מיר יעצט צוקומען צו א נקודה פון אונזער לעבן וואס איז א העכסט וויכטיגע טייל פון דער נושא, און דו וועסט נישט גלייבן וואס דאס איז... ס'איז שבת! שבת באקומען אידן די זכיה' צו ווערן א נזיר. איין טאג אין דער וואך ווערט א גאנץ פאלק אפגעטיילט פון דער וועלט. מיר ליידיגן אויס אונזער קאפ פון אלע אומוויכטיגע זאכן און מיר פארנעמען זיך נאר מיט'ן ווערן עפעס אויסערגעוועהנליך.

### א טאג פון זיך אפהאלטן

כוועל דיר זאגן, אויב דאס וואלט זיך געוואנדן אין דיר אדער אין מיר, וואלטן מיר מן הסתם

געטראכט אז צו פראוון דעם שבת דארפן מיר האבן אלע מיני פריילעכקייטן. נאך אלעם פייערן מיר דעם גרעסטן נס פון דער היסטאריע, די וועלט באשאפונג וואס איז צושטאנד געקומען פון גארנישט צו א גרויסער שיינער וועלט. דעריבער דארפן מיר ארויסגיין פון אלע גרעניצן! אפשר זאלן מיר זיך צוזאמקומען און ארויסשיסן 'פייערקרעקערס'?... מיר קענען האבן גרויסע שפילן, פארמעסטן, זאכן וואס וועלן מאכן א גרויסע דעמאנסטראציע פאר'ן פובליק... שבת דארף זיין א טאג פון אקטיוויטעטן און פריילעכקייט.

אבער דו זעסט דאך אז השי"ת האט אנדערע פלענער פאר אונז. ער האט אויסגעפלאנט אז דער שבת זאל זיין דער טאג פון מנוחה. שבת ביסטו צוגעבונדן אין שטוב. דו קענסט נישט גיין צו דער ארבעט. קענסט נישט זיין פארנומען מיט די בילס און שטייער באאמטע. קענסט נישט זיין פארנומען מיט די צעבראכענע רערן אינעם סינק. אלע זאכן וואס מאכן דעם מענטשנ'ס קאפ פארנומען ווערן אפגעשטעלט אום שבת.

וואס איז שבת? שבת מיינט זיך אפהאלטן. דאס איז דער פשוטער אפשטייטש פון דערווארט 'שבת'. דאס מיינט אז דער אויבערשטער האט אונז געגעבן דעם שבת אז דאס זאל זיין א מנוחה שלימה, אז מיר זאלן האבן א געלעגנהייט צו אנטוויקלען אונזערע געדאנקן.

פארשטייט זיך אז אויב מיר ווילן אנהייבן צו היטן דעם שבת אזוי ווי דער רצון פון באשעפער, פאדערט זיך השקפה און חזרה. דו דארפסט וויסן וואס צו טראכטן - דאס איז וואס מען ערווארט פון אונז צו טון. אלע זאכן וואס דו ביסט געווען צו פארנומען צו טראכטן דורכאויס דיין פארנומענער וואך קענסטו יעצט פראקטיצירן און דורכדעם צוקומען צו ווערן א נזיר.

## טראכטן ביי דער סעודה

בשעת דו גייסט אראפ צום ביהמ"ד, טראכט. אויך בשעת דו זיצט ביי דער סעודה. ס'איז נישט געזונט צו רעדן אינמיטן עסן; דו ווייסט דאס, נישט אזוי? עס זענען שוין געווען גענוג פעלער ווען מענטשן האבן אראפגעשלונגען דאס עסן דורך דעם נישט ריכטיגן רער בשעת זיי האבן גערעדט. א צווייטער האט געמוזט קלאפן אויף זייער רוקן צו ראטעווען זייער לעבן. מענטשן גייען פון דער וועלט ווייל זיי רעדן אינמיטן עסן.

דעריבער, בשעת'ן עסן די מאכלי שבת איז א גאלדענע געלעגנהייט צו טראכטן. דיין פרוי רעדט צו די קינדער. דיינע קינדער רעדן צווישן זיך, און דו האסט דיינע רעיונות וואס דו האסט שוין געזאגט צום וויפילסטן מאל און דיין משפחה, קען זיין, זענען שוין מיד דאס צו הערן. אלזא, חזר עס איבער אין דיין קאפ, יעדעס מאל מיט מער הבנה. דו קענסט טראכטן פון יציאת מצרים אדער בריאת העולם. דאס זענען די צוויי הויפט נושאים פון שבת. דו האסט איבער גענוג זאכן פון וואס צו טראכטן. אויך די מאמע קען טראכטן. זי קען טראכטן פונעם מן. דערפאר זענען דא צוויי חלות אויפ'ן טיש, אונז צו דערמאנען פונעם נס פונעם מן וואס איז געפאלן ערב שבת דאפלט. אפילו זי האט געארבעט שווער אין דער הייסער קאך צוצוגרייטן די אלע געשמאקע מאכלים, טראכט זי פונעם מן, אז אלע עסן, די חלות, פיש, פלייש, דאס איז אלעס נאר פון השי"ת. שפעטער פירט זי אריבער אירע געדאנקן צו עולם הבא. שבת איז מעין עולם הבא. אויב זי וואלט זיך נישט צוגעגרייט פאר שבת, וואלט זי נישט געהאט וואס צו געבן צו עסן פאר איר געזינדל. דאס דערמאנט איר ווי מען דארף זיך צוגרייטן פאר עולם הבא. זי האט הנאה פון די מאכלי שבת,

און אין דער זעלבער צייט פילט זי אן איר קאפ מיט הייליגע מחשבות.

## א גאנצע וואך שבת

איינע פון די געוואלדיגע תוצאות וואס די שבת'דיגע געדאנקען ברענגט מיט זיך איז אז דאס איז אביישפיל פאר די גאנצע וואך - די מנוחת הנפש פון שבת דארף זיך אויסציען איבער די וואך. השי"ת זאגט, "איין טאג אין וואך קענסטו נישט טון דאס און יענץ אבער איך וויל אז די איין טאג זאל זיין א הכנה פאר די גאנצע וואך. אז ווען דו וועסט זונטאג צוריקגיין צו דיין טאג טעגליכער סדר, און דער איין טאג פון נזירות וועט קומען צו אן אפשטעל נאך בלויז פיר און צוואנציג שעה, וועסטו אריינגיין צו דיין טעגליכער סדר מיט די השפעות פון שבת, מיט נזירות אין דיינע געדאנקן.

די שאלה איז, פון אלע געדאנקען וואס דו טראכסט איבער שבת, וועלכע מחשבות זענען די וויכטיגסטע צו מיטנעמען מיט די מנוחה שלימה אויף די גאנצע וואך? ווי אזוי נעמסטו דער שבת'דיגע מח צו די זעקס טעג פון דער וואך?

## א שוואכע רְאִיָה.

די גמרא ברענגט (ברכות מג, ב) אז האסטיגע טריט נעמען אוועק א פינף הונדערטסטל פון דער רְאִיָה. דאס מיינט, גיין שנעל ווען דו ביסט נערוועז אדער פאר'דאגה'ט, דו האסט מורא אז דו וועסט פארשפעטיגן דיין אפוינטמענט למשל, אדער דו וועסט פארשפעטיגן דעם באס, און דעריבער איילסטו זיך, זאגט די גמרא אז מיט יעדן שנעלן טריט וואס דו נעמסט, נעמט דאס אוועק אביסל פון דיין זעקראפט; דאס מיינט אז דיינע אויגן ווערן אפגעשוואכט. ס'איז א באוואוסטער פאקט אז נערוועזיקייט שאדט פאר די אויגן. פרעג יעדן אויגן ספעציעליסט. ער וועט דיר וויסן צו זאגן.

א גאנצע וואך זענען מענטשן פארנומען ארומצולויפן. אלעס איז עמערדשענסי, "איך דארף כאפן דעם קאסטומער...", "איך דארף מאכן דעם טעלעפאן קאל..." מען איז פאר'דאגה'ט מיט פרנסה אדער אנדערע טרדות. מען לויפט ארום מיט אנגעצויגנקייט. יעדעס מאל ווען דו ווילסט זיך שוין אראפזעצן טון עפעס אין רוחניות קומט עפעס אנדערש אויף אין דיין קאפ. ס'איז דא אזויפיל צו טון! יעדער איז אנגעצויגן און דאס ווירקט אויף דער פיזישער געזונט פונעם מענטש. עס שוואכט אפ דעם זעקראפט.

זעקראפט מיינט דא מער ווי 'זעקראפט'. עס שוואכט אויך אפ די רוחניות'דיגע רְאִיָה. דו זעסט שוין נישט איין דעם אמת. דו ביסט שוין אזוי צעמישט אז דו זעסט נאר דמיונות. דו ווערסט פארבלענדעט פונעם געיעג און דאגות און דו מיינסט אז דו ביסט אין קאנטראל. דיין מח איז אנגעפולט מיט עולם הזה און דאס מאכט דיר זייער איבערגעשטרענגט.

## דער רפואה

איז **מאי תקנתיה**? וואס איז די רפואה? דאס איז וואס די גמרא פרעגט דארט. ווי אזוי קענען מענטשן היילן די שאדן וואס זיי האבן זיך אנגעמאכט דורך זייער איבערגעשטרענגטע סדר היום פון לעבן? זאגט די גמרא, **להדריה בקדושא דבי שמשי**, מאכן קידוש שבת ברענגט צוריק די רְאִיָה. ווען דו הערסט קידוש שבת, וועט דאס דיר צוריקברענגען דיין זעקראפט.

אין דער ערשטער מינוט קען מען זיך וואונדערן אויף דער רפואה, ווי אזוי ארבעט עס? דו ווייסט געוויס, מענטשן האבן א מנהג צו קוקן אויפ'ן קידוש בעכער אדער אויף די שבת לעכט, אויסגעצייכנט. אבער דו מוזסט פארשטיין וואס זיי טוען. וואס איז דא אינעם קידוש אז עס ברענגט צוריק דעם זעקראפט?

## לאז איבער די דאגות

דער תירוץ איז אז שבת דערמאנט אונז דעם פאקט אז אמאל, שוין לאנג צוריק, איז נישט געווען א וועלט, ס'איז געווען נאר איין גרויסע ליידיגקייט. ס'איז אלעס געווען איין גרויסע גארנישט. איז געקומען דער אויבערשטער און ער האט באשאפן די וועלט. **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי**, דער אויבערשטער האט געזאגט, און ס'איז באשאפן געווארן. דאס איז איינער פון די עיקר יסודות וואס דער שבת ברענגט מיט זיך. ס'איז גארנישט פארהאן אויף דער וועלט נאר דבר השם, די וועלט פון השי"ת.

די וועלט קען עקזיסטירן, אפילו בלויז אויף דער קלענסטער רגע נאר ווייל השי"ת וויל אז עס זאל פארזעצן צו עקזיסטירן. ער האט עס נישט איינמאל באשאפן און עס געלאזט שטיין אויף אייביג. ניין, יעדע סעקונדע וואס עס עקזיסטירט איז עס אזוי ווייל ער האט אזוי באפוילן. און אויב ער וועט אפטון זיין ווארט, וועט אלעס צוריק צוזאמפאלן צו א גרויסן גארנישט פונקט ווי פריער. דאס מיינט אז עס איז גארנישט פארהאן אויף דער וועלט אויסער השי"ת!

און ווען עס קומט שבת און דו לייגסט אריין די מחשבה פון קידוש **וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם**, אז דער וועלט איז באשאפן געווארן, באקומסטו שוין א נייעם מח. דו הייבסט אן צו פארשטיין דעם לימוד פון בריאת העולם און אזוי באקומסטו צוריק דיין זעקראפט. השי"ת האט אלעס באשאפן און ער פירט די וועלט מיט א פינקטליכע השגחה. קיין שום זאך קען נישט געשען אן זיין אויפפאסונג. דעריבער פארוואס דארף מען זארגן? "לאז איבער אלע דאגות אויף מיר," זאגט השי"ת, "דו זעץ זיך נאר אוועק און האב הנאה פון דיין רייזע."

## ער איז פאראנטווארטליך

זעלבספארשטענדליך אז ווען מענטשן לעבן מיט'ן שטראם, זיי לויפן **במרוצת הרגלים**, זיי לויפן ווי די פערדן אין א פארמעסט - א פערד שטעלט זיך נישט אפ צו טראכטן - און מענטשן לעבן א גאנצע וואך אויף דעם אופן, לויפן און לויפן, דאכט זיך זיי אז אז אלעס אין די וועלט איז נאר א פערצופאל. ס'איז **סיבה ומסובב**. זייער קאפ איז צו אנגעפולט אז זיי זאלן זיך אפשטעלן אין זען אז דער יד השם האט א שטענדיגע השגחה אויף זייער לעבן.

און ווען שבת קומט צו גיין און דער איד באקומט צוריק זיין זעקראפט, קען ער לערנען בטחון פרייטאג צונאכטס. פארשטייט זיך אז אויב דו וועסט נישט איינ'חזר'ן דעם לימוד, וועט עס נישט העלפן. אבער ווי מער מחשבה די לייגסט אריין, אלץ מער וועסטו פארשטיין דעם אמת אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט און ער באשאפט די וועלט יעדע מינוט און אלעס איז אונטער זיין פולסטן קאנטראל. ס'איז גארנישט דא וואס צו זארגן.

דו שטעלסט נאר אן א שפיל ווי גלייך דו ברענגסט פרנסה, אבער ער איז דער וואס האלט דיר אויס. ער פירט דאס רעדל פון דער געשיכטע. יעדער פרט פון אונזער לעבן איז אונטער זיין

קאנטראל, און אויב עפעס איז באשערט וועט עס פאסירן, צי די זארגסט זיך אדער נישט. קיין שום זאך אין דער וועלט איז אן דעם אויבערשטן. דעריבער, פארוואס זארגסטו זיך? פון וואס ביסטו אזוי איבערגענומען? אלעס וועט צום סוף זיך איבערדרייען לטובה ווייל ער שטייט אין שפיץ.

## ארבעט נאר מיט דיין קערפער

פארשטייט זיך אז איך זאג נישט אז ווען ס'פעלט אויס זאלן נישט מענטשן פארמיידן א סכנה וואס קען געשען. זיכער דארף א מענטש זיין פארזיכטיג. השי"ת וויל אז מען זאל זיך באשיצן, אפילו מאכן אינשורענס. ס'איז גראדע א גוטע געדאנק ארויסצונעמען אינשורענס. און לייג נישט קיין שפילצייג ביי די טרעפ וואו מענטשן קענען זיך אויסגליטשן. זיי נישט אומפארזיכטיג. ריר נישט צו דיינע אויגן און מויל נאר נאכן אפוואשן די הענט מיט זייף און וואסער. און שטיי ווייט פון מענטשן וואס זענען פארקילט אז זיי זאלן נישט ארייננהיסן זייער באצילן אין דיין פנים. זיכער דארף מען זיך באווארענען מיט די זאכן.

דאס זעלבע איז מיט פרנסה! ס'איז גארנישט שלעכט צו ארבעטן פלייסיג, אבער ארבעט מיט דיין קערפער. דיין מח זאל נישט ווערן צעמישט. טו דיינע פליכטן אבער ווער נישט איבערגעוועלטיגט. האלט זיך מיט דיין ביזנעס, אבער ווער נישט פאר'דאגה'ט. נעם נישט קיין איבריגע זארגן איבער זאכן וואס זענען נישט אין דיינע הענט! השי"ת זאגט, "מיין קינד, **הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ**.ווארף ארויף דיין פעקל צו מיר. איך וועל זיך אפגעבן מיט דיינע זארגן."

## טראגן די קרוין

דעריבער, ווען מיר היטן דעם שבת מיט רואיגקייט און מנוחה ווערט דער טאג אביישפיל פארן גאנצן לעבן. מיר היטן נישט שבת נאר איינמאל אין וואך. ס'איז **זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת** יעדן טאג אין דער וואך. דורכ'ן לעבן א 'שבת'דיגן' שבת לערנען מיר זיך צו לעבן יעדן טאג אזוי. מיר האלטן זיך שטענדיג רואיג און געלאסן כדי אונזער מח זאל זיין פריי צו טראכטן וואס איז דער ציל אויף דער וועלט, דער ציל פון בריאת העולם, דער ציל פון אונזער עקזיסטענץ. דער מנוחת הנפש פון שבת ציט זיך אריין אין די וואכנטעג און אזוי קומט אויס אז דו טראגסט דעם קרוין פונעם נזיר אלע דיינע לעבנסטעג.

דאס איז וואס דער פסוק זאגט איבער דעם נזיר, **נֵזֶר אֱלֹקָיו עַל רֹאשׁוֹ** - ער טראגט די קרוין פונעם אויבערשטן אויף זיין קאפ (במדבר ו, ז). וואספארא קרוין איז דאס? דער נזיר וואס זיין קאפ איז פריי פון אלע נארישע זאכן, און אפילו זאכן וואס זענען נישט אזוי נאריש אבער זיי זענען נישט וויכטיג, **ער** טראגט די קרוין פון השי"ת אויף זיין קאפ, ווייל ער טראגט מחשבות פון השי"ת אין זיין קאפ. דאס איז דער פלא פון דעם נזיר. ער ארבעט אויף זיך צו שטייגן איבער יעדן און דערגרייכן גרויסקייט דורך זיין מח. אין א געוויסן זין איז די געלעגענהייט פריי פאר יעדן איינעם. יעדער וואס וויל קען טראגן די קרוין פון שבת אלע טעג פון זיין לעבן און האבן דעם **נֵזֶר אֱלֹקָיו עַל רֹאשׁוֹ**.

א גוט שבת!

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

## איז וויכטיג זיך אפצוגיסן נעגל וואסער גלייך נעבן בעט?

### תשובה

דער ענטפער איז, אז דו זאלסט דאס לייגן און זיך וואשן וואס מער נענטער צו דיין בעט, לאמיר דיר זאגן פארוואס. ווייל דער רשב"א זאגט, אז די צוועק פון נעגל וואסער איז צו ווייזן אז מיר זענען כהני השם. און ביי די כהנים זאגט די תורה ורחצו... את ידיהם בבואם אל מועד מועד (פיקודי מ: לא, לב) ווען זיי קומען אריין טון די עבודה, וואשן זיך די כהנים זייערע הענט אלס הכנה צו דעם ספעציעלן תפקיד.

אינדערפרי, שטייען מיר אויף צו דינען השם יתברך דורכאויס דעם טאג. וואשן די הענט ווען מיר שטייען אויף מיינט אז דו גרייטסט זיך אן צו דינען השי"ת. דו ביסט א כהן השם דורכאויס דעם גאנצן טאג. דעריבער גלייך ווען דו שטייסט אויף, דאס ערשטע געלעגנהייט, וואש זיך דיינע הענט זיך צו גרייטן אים צו דינען, דאס איז א געוואלדיגע לימוד, אז מיר זענען אויף דער וועלט צו דינען דעם באשעפער.

דערפאר, ווען דו וואשט דיינע הענט זאלסטו דאס נישט טון אן צולייגן מחשבה. גיב א טראכט, זאג: "איך טו דאס יעצט ווייל איך בין א כהן. דער באשעפער האט אונז אויסדערוועלט אלס דעם ממלכת כהנים וגוי קדוש." אונזער גאנצער לעבן זענען מיר אוועקגעגעבן צו דינען גאט. ווי אימער דו געפינסט זיך, צו ביים קאכן, אדער וואשן די ווינדלען, דו ארבעטס אין אן אפיס אדער ביים איינקויפן אין גראסערי. אויסער דיין דאווענען און לערנען, זאלסטו וויסן אז וואס אימער דו טוסט איז עס א חלק פון דינען דעם באשעפער. דו ביסט אן עבד נאמן און דו ביסט א כהן.

דעריבער איז וואשן די הענט גאר א וויכטיגע סימבאל. און מען דארף דאס אויסניצן מיר זאלן געדענקען אונטערן באוואוסטזיין אז מיר האבן די שטעלע אלס כהני השם. ווארף נישט אוועק דעם געלעגנהייט וואס דו פארמאגסט יעדן אינדערפרי. דאס איז א גלענצנדע געלגנהייט צו שטייגן וואס רוב מענטשן ניצן נישט אויס.